

## אפענער שמועס מיט

# סטיווען וועגליאנטי

## טאון סופערווייזער פון פאלסבורג

## אין צוגרייטונג צו די וואלן נאוועמבער 2, '21

**צום ערשט, אפשר קענט איר אויפקלערן וואס איז דער אמט פון טאון סופערווייזער?**

אפיציעל מיינט אז "הויפט ערוויילטער און הויפט עקזעקוטיוו אפיציר פונעם טאון אוו פאלסבורג".

דאס באדייט אז איך האב אן אויפזיכט אויף אלע דעפארטמענטס און זייערע פירער - וועלכע האבן אן אויפזיכט צוצוגרייטן דעם יערליכן בודזשעט, און אויסצופירן די פאליסיס וואס ווערן אנטשידן אינעם סיטי קאונסיל.

**איז דאס א "פול טיים" דזשאב? אויב נישט, וואס נאך טוט איר?**

ס'איז נישט קיין "פול טיים" פאזיציע, אבער איך שטיי גרייט און איך בין אין פארבינדונג מיט מיין שטאב און מיט אלע דעפארטמענט פירער דורכאויס 7-24; פערזענליך, דורך אימעיל און דורכ'ן טעלעפאן.

איך בין אויך א פריוואטער אדוואקאט, קאנצענטרירט אויף ריעל עסטעיט געזעצן. כ'האב "לאקאל" שטודירט און גראדואירט, צום ערשט פון פאלסבורג היי-סקול אין '97, און דערנאך פון האפסטרא אוניווערזיטעט. כ'בין לייסענד צו פראקטיצירן געזעץ אין ניו יארק סטעיט.

כ'וויל דערביי באטאנען, אז מיין ערשטער דזשאב אלס יוגענטליכער איז געווען, אלס א "וועיטער" אין לאקאלע האטעלן, ווי "קאנקארד", "קוטשער'ס", "ראלי", און איבערהויפט אין "פיינס", וואס איז געווען אין פאלסבורג. ס'איז געווען אין די אמאליגע א.ג. "בארשט בעלט" יארן, און כ'פלעג אסאך מיטהאלטן די אויפטריטן פון דעם וויצלער דזשעקי מעיסאן, וועלכער איז אצינד געשטארבן. די ערפארונג אלס "וועיטער" האט מיך צוגעגרייט צו קענען בעסער זיך באקענען און פארשטיין פארשידענע סארט מענטשן; כ'מיין אז ס'איז א גוטע זאך פאר יעדן צו פרובירן...

**וואס זענען אייערע הויפט ערגרייכונגען אלס סופערווייזער?**

צום אלעם ערשט, בין איך שטאלץ פון אונזער שטארקער פינאנציעלער ווירטשאפט. מיר האבן נישט קיין קאנטראל אויף די בודזשעטן פון אונזער לאקאלן סקול דיסטריקט אדער די קאונטי, אבער אונזער טאון באורד האט דורכגעפירט בודזשעטן אין איינקלאנג אדער נאך וויניגער ווי די פארלאנגטע "טעקס קעפס" יערליך. היי-יאר האבן מיר באשטעטיגט א בודזשעט מיט א זערא פראצענט העכערונג! מיר ערווארטן צוצושטעלן אזא בודזשעט אויך אינעם קומענדיגן יאר. מיר קענען דאס טאן ווייל מיר האבן געזונטע פאנד באלאנסן און מיר אידענטיפיצירן פאטענציאלע איינקונפטן און איינשפארונגען.

באזונדער האבן מיר פארבעסערט און פארברייטערט אונזערע פארק'ס, ווי אויך די וואסער און סוער אינפראסטרוקטור - וואס מיר האבן דערין אינוועסטירט איבער 50 מיליאן דאלאר, און מיר ערווארטן נאכמער פארבעסערונגען אין די קומענדיגע צוויי יאר, וואס וועט ערמעגליכן צו פארברייטערן דעם טאון. מיר מוזן נאכקומען דעם פאקט אז יאר-נאך-יאר זינט איך בין געווארן סופערווייזער, זענען צוגעקומען טויזנטער פאמיליעס אינעם טאון.

מיר האבן אויך פארבעסערט אונזער "רעילס טו טרעילס", און מיר האבן איינגעשטעלט א מולטי-יאר פארברייטערונג, וואס ווען ס'וועט זיין פארטיג וועלן איינוואוינער און טוריסטן זיך קענען באנוצן מיט א 13 מייל "טרעיל" וואס וועט לויפן פון מאונטענדעיל ביז דעם גרעניץ פון פאלסבורג-ליבערטי, און וועט איינשליסן דעם הערליכן נעווערסינק ריווער.

מיר האבן דאס געקענט דורכפירן א דאנק אונזערע מעגליכקייטן צו אידענטיפיצירן, פארלאנגען און באקומען גרענטס און הילף אינעם ווערד פון צענדליגער מיליאנען דאלארן.

**פיל פון די זומער-באזוכער, איבערהויפט די אידישע געמיינדע, שפירט אז אסאך פון די לאקאלע מענטשן און פאליטישאנס זענען נישט אזוי צופרידן ווען די זומער-איינוואוינער קומען ארויף צו די קעטסקילס; וואס איז זייער מיינונג דערוועגן?**




צום אלעם ערשט וועל איך פארשטעלן די רויע פאקטן: איבער 40 פראצענט פון אונזערע שטייער איינקונפטן איז פון די "צווייטע-היים קאמיוניטי" (מענטשן וואס האבן זומער-הייזער), וואס דאס באשטייט הויפטזעכליך פון ארטאדאקסישע אידישע פאמיליעס. איבער א דריטל היים-אייגענטימער אינעם טאון אידענטיפיצירן זיך אלס אידן. דאס וואס איר באצייכנט אלס "באזוכער", זענען פאקטיש "איינוואוינער"; אונזערע שכנים און אונזערע פריינט.

די באפעלקערונג וואקסט יעדן זומער-סעזאן, און ס'גייט שוין אזוי אן צענדליגער יארן. דאס שטעלט פאר געוויסע "טשעלענדזשעס", אבער איך בין צופרידן נאכצוקומען אזעלכע אויפגאבעס, און א באדייטנדער טייל פון מיין דזשאב איז טאקע צוצוגרייטן אונזערע טאון סיסטעמען צו קענען אקאמאדירן דעם אריינפלוס פון מענטשן.

צומאל מאכן מיר טעותים, אבער מיר לערנען זיך דערפון און מיר גרייטן זיך בעסער צו צום קומענדיגן מאל. מיר זענען שטארק קאנצענטרירט דאס צו קענען נאכקומען און יעדן אקאמאדירן, ווייל דאס איז לעבנסוויכטיג פאר אונזער עקאנאמיע און קולטור.

**פאריגן זומער האבן א סאך פון די זומער-איינוואוינער געשפירט אז די לאקאלע פאליטישאנס, אייך אריינגערעכנט, האבן נישט געוואלט אז זיי זאלן ארויפקומען קיין אפסטעיט צוליב קאוויד-19. מענטשן האבן נישט געגליכן אז זיי ווערן באהאנדלט אנדערש ווי די לאקאלע איינוואוינער. כדי קלאר צו שטעלן דעם רעקארד, האט איר געוואלט אז די זומער-איינוואוינער זאלן קומען צו די קעטסקילס פאריגן זומער און אז די קעמפ'ס זאלן זיין אפען?**

מיין רעקארד איבער קאוויד-19 און נעמען די ריכטיגע פארזיכערונג מיטלען איז זייער קלאר, און איך וועל עס קלארשטעלן. קוקנדיג אויף צוריק צו אפריל און מאי פון '20, האט דער ווירוס געבושעוועט דורכאויס ניו יארק סטעיט, אבער נאכמער אין די מעטראפאליע פון ניו יארק סיטי. עס זענען נישט געווען קיין באשטעטיגטע מעדיצינען און וואקסינען. אלס סופערווייזער פונעם טאון אוו פאלסבורג און באאמטער אין סאליווען קאונטי, איז מיין אפיציעלע הויפט אויפגאבע זיך צו זארגן אוי'פן "געזונטהייט, וואוילזיין און זיכערהייט" פון אונזערע איינוואוינער; דאס שליסט איין די טויזנטער ארטאדאקסישע צווייטע-היים אייגנטימער וועלכע וואוינען אין אונזער טאון.

אונזער קאונטי האט געהאט בלויז 19 "אינטענסיוו קעיר" בעטן, און לויט די ערווארטונגען וואלטן מיר נישט געקענט אקאמאדירן מענטשן וואס וואלטן קראנק געווארן. אין קאנטראסט צו מיזלס און אנדערע אינפעקשאנס פון די פריערדיגע יארן, וואס זענען געווען געאגראפיש באגרעניצט, האבן מיר מורא געהאט אז מיט קאוויד-19 וועלן מיר נישט קענען